קען דאָס געלד. און אַזוי פיהרען זיי זיך ביז אויף היינטיגען טאָג. צווישען זייערע מעמבערס געפינט זיך אַ ספּעציעלער גבאי פאַר דעם צוועק. פאַר די לעצטע 20—25 יאָהר איז זיך מתעסק אַ איד אַ האָרעפּאַשניק, אַן אָרימער פּרעסער אברהם אליעזר רודיצקי, וואָס גיט זיך אָפּ פּ ר י י וו י ל י ג צו זאַמלען די געלד פאַר דער ישיבה און שיקט יאָהר־איין יאָהר־אויס אַ היבשע סומע.

דאָס פיהרט צום געדאַנק, אַז אין אַזאַ לאַנדסמאַנשאַפטען־בוך איז דער פּלאַץ אויך פאַר „ג י י ס ט י ג ע לאַנדסמאַנשאַפטען", פאַר חברות און אַלאַמניי־אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבען זיך אָרגאַניזירט למשל צו שטיצען ישיבות פון דער אַלטער היים ווי טעלז, סלאָבאָדקאַ, ראַדין, מיר און אַנדערע. זיי האָבען אויך זייערע אייגענע לעידים אַקזילערים. די פון מירער ישיבה האָט אין 1936 אַרויסגעגעבען אַ זשורנאַל לכבוד דעם 122 יאָהריגען קיום פון דער ישיבה. מסתמא מוז זיין נאָך אויסגאַבען, וואָס איז מיר ניט באַקאַנט.

אויך די וועלטליכע אידען האָבען אַזעלכע „גייסטיגע לאַנדסמאַנשאַפטען". וואָס איז דער אַמאַפּטייל פון ייוו"א, אויב ניט אַ „גייסטיגע לאַנדסמאַנשאַפט" פאַר דעם ייוו"א אין ווילנע? און מיט וואָס איז אַ גייסטיגע לאַנדסמאַנשאַפט אַנדערש ווי אַזוי אַ לאַנדסמאַנשאַפט?

חוץ די פאַרשיידענע אַרבייטען וואָס איך דערמאָן, געפינען זיך אין לאַנדסמאַנשאַפטען־בוך נאָך אַ צאָל אַרטיקלען, שטודיעס, פון וועלכע איך וויל דאָ דערמאָנען נאָר די צוויי: מנשה וואַקסער: פאָלקלאָר פון אידישע ישובים און די אַנטאָלאָגיע. וואַקסער'ס אַרטיקעל טראָגט אַ פּרעטענציעזען נאָמען. אין דער אמת'ן ווערט אין איהם באַהאַנדעלט נאָר די צונעמען פון די ישובים און דאָס אויך וואָלט כדאי געווען צו באַצייכענען מיט אַ שטערענדעל די אַבסאָלוט נייע צונעמענישען וואָס פּרילוצקי האָט ניט אין זיינע זאַמעלביכער. (אגב „קעלצער קאַמיניציעס" איז ניט אַ „שטיינערדיגער ערדשיכט", נאָר מ ו י ע ר ס, ווי ס'האָט שוין באַמערקט פּרילוצקי).

דער פאָלקלאָר פון אידישע ישובים באַדאַרף נאָך אויפסניי באַאַרבייט ווערען און וואו איז דאָ אַזאַ מעגליכקייט פאַר דעם ווי אין ניו יאָרק, דער „קבוץ גליות" פון טויזענדער לאַנדסמאַנשאַפטען און אַלע אידישע שבטים? ! באַזונדערס זאָל דערמאָנט ווערען די „אַנטאָלאָגיע פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע אין דער אַמעריקאַנער אידישער דיכטונג". פאַר דער אַנטאָלאָגיע קומט אַ קורצער פאָרוואָרט.

איך זעה נאָר ניט איין, צו וואָס איז די באַזונדערע באַטאָנונג אַז „צווישען די פּאָעטען אין דער זאַמלונג צעהלט זיך אַ גרויסע צאָהל פּראָלעטאַרישע דיכטער" און דאָס ציהען דווקא ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט צו אַ יונגען פּראָלעטאַרישען פּאָעט, וואָס איז „אויפדערצויגען אין פּראָלעטפען, און אויף דעם פּראָלעטאַרישען רעוואָלוציאָנערען וועלט־באַנעם" און ביי איהם וועט דער לייענער געפינען „אַן עכטע ליד פון אַ אידישען ישוב אין דער אַלטער היים".

אָהן צינזען דער „פּראָלעטאַרישער רעוואָלוציע" קען מען אפילו, ווייזט אויס, ניט אויסקומען אין אַזאַ אומשולדיגער אַנטאָלאָגיע ווי פון לאַנדסמאַנשאַפט־פּאָעזיע . . .

אָט דאָ האָט מען געפונען אַ געלעגענהייט אַריינצושמוגלען אַביסעל סאָוויעטישע מאָטיוון און זינגען „שירה" ווי:

„אויפ'ן ברודער־קבר פון די שטעטלדיגע ערשטע רויט־אַרמייער<br>בליהען בלומען אויס אַ רויטען כערפּ און האַמער;<br>ווייבער שלעפּען פולע קאַשיקעס פון מאַרק<br>און שעלטען ביז'ן דריטען דור אין טאַטענס־טאַטען אַלע קרעמער..."

אין אַ בוך פון לאַנדסמאַנשאַפטען, וואָס באַשטעהט אויף געוויס פון אַ היבש ביסעל קרעמער . . . האָט מען עס אַריינגעשטעלט די אויבענציטירטע שורות, אָדער גאָר אַזוינע „טיפזיניגע" ווייסער פערזען:

„נאָר ליב געהאַט האָט מען נאָר דעם שעיך אַוראַמען (אברהם'ן)<br>וואָס איז מיט זיינע ווייבער און קעפּסווייבער<br>אין מאַמריין (ממרא) געלעגען און פאַר דער גאַנצער וועלט<br>איצכאַק־יאַנקעף־זאַמען (יצחק יעקב) געפּלאַנצט...

אָבער די זאַמלונג אַליין איז ווערטפול און שטעלט צונויף „אַ לירישען דאָקומענט" פון אונזערע אַלטע היימען מעבר לים.

דאָס בוך „די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען פון ניו יאָרק" איז דאָך אַ וויכטיג ווערק, אַ נוצליך האַנדבוך, אַ פּיאָנערען אַרבייט, וואָס נאָר אַ מלוכה־אונטערשטיצונג האָט דאָס געקענט דערמעגליכען.

ווי אַלע אַרבייטען פון דעם סאָרט, איז זי ניט פריי פון חסרונות, בלויזען, אומפּינקטליכקייטען א. אז. וו. אָבער אין גאַנצען גענומען איז דאָס אַ ווירדיגער דענקמאָל פאַר די אידישע לאַנדסמאַנשאַפטען.

דער י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין איז ווערט באַגריסט צו ווערען פאַר אַרויסגעבען דעם נוצליכען האַנד־בוך.

לאָמיר האָפען, אַז דאָס בוך וועט אָנרעגען צו ווייטערדיגע אַרבייטען אויף דעם געביט. ס'פאָדערט זיך אַ המשך. ס'איז געמאַכט געוואָרען אַ גוטע התחלה. די פאָרטזעצונג פון דער שטודיע באַדאַרף זיך נעמען דער אַמאַפּטייל פון ייוו"א צוזאַמען מיט דער „אידישער צענטראַלער ביבליאָטעק און אַרכיוו".

ס'איז דאָ אָרט פאַר אַ צווייטען באַנד, וואָס זאָל טאַקע אַרומנעמען לאַנדסמאַנשאַפטען פון אַלע אידישע שבטים, ניט נאָר דעם אידיש־שפּרעכענדען, ווי די לאַדינאָ־ריידענדיגע עלעמענטען, אָריענטאַלע גרופּען און פון מערב אייראָפּעאישע לענדער און ניט נאָר פון ניו יאָרק אַליין, נאָר פון אַלע פאַראייניגטע שטאַטען. בקצור, אַ צווייטען לאַנדסמאַנשאַפטען־בוך פון די אידען אין אַמעריקע.

ס

# י. באַשעווים

## I

### מ. בורשטין: „ביי די טייכען פון מאַזאָוויע" (אַ שטעטעל)

אַרויסגעגעבען ביי דער מיטהילף פון פּ. ע. נ.־קלוב, וואַרשע, 1937.

מ. בורשטין איז באַקאַנט דורך זיינע צוויי ביכער „אויף די חורבות פון פּלוינע" און „גורל". אין דעם ערשטען בוך האָט בורשטין געשילדערט דעם עקאָנאָמישען און קולטורעלען חורבן פון אַ אידיש שטעטעל אין פּוילען, וואָס ער האָט אָנגערופען „פּלוינע". אין „גורל" האָט בורשטין באַשריבען די אַנטוויקלונג און דעם אונטערגאַנג פון אַן אַסימילירטער אידישער פאַמיליע. אין דעם איצטיגען בוך האָט מ. בורשטין פונסנייע געפּרואווט איבערגעבען די פאַנאַנדערפאַלונג פון אַ אידיש שטעטעל, וואָס ער רופט „סמאָלין", און וואָס געפינט זיך ביים ברעג ווייסעל, ערגעץ ניט ווייט פון וואַרשע. זינט מ. בורשטין האָט אָנגעשריבען זיין ערשט בוך, איז דאָס אידישע שטעטעל אין פּוילען געגאַנגען האַכטיג באַרג־אַראָפּ. סמאָלין שטעהט אונטער'ן צייכען פון פּערמאַנענטער פּאַניק. דער פּאַסטאָר פון סמאָלין (אין דער געגענט וואוינען אַ סך דייטשען) פאָרט דריי מאָל אין יאָר קיין נאַצי־דייטשלאַנד. יעדען מאָנטאָג און דאָנערשטאָג ווערען אידען באַפאַלען פון גויים. אין לעצטען קאַפּיטעל קומט פאַר דער לאַנג־געאַנטער פּאָגראָם. צוליב פאַרשטענדליכע מאָטיוון, האָט מ. בורשטין געלאָזט פאַרקומען דעם פּאָגראָם ערגעץ אין... כינע, אין אַ כינעזיש שטעטעל מיט'ן נאָמען סאַ־מאַ־לין. אַ טייפון בושעוועט דריי טעג איבער

